# דורכבלעטערנדיג די 500 עמודים

## פונעם נייעם ספר

# "ומשה היה רועה" חלק שלישי

וועט איר זיך באגעגענען מיט צענדליגער און הונדערטער היסטארישע פאקטן, וואונדערליכע פאסירונגען, מערקווירדיגע געשעהענישן, וואס האט שייכות מיט די לעבענס ביאגראפיע פון אבינו רועינו רבינו הגה"ק זי"ע, און שלשלת בית סיגעט-סאטמאר בכלל, וואס איר האט מעגליך ביז היינט נישט געוואוסט

## אדרבא פרובט אייערע ידיעות אין די פאלגענדע פראגעס וואס ווערט ברייט פארענטפערט אין דעם היסטארישן ספר...

1. ווי אזוי האט אויסגעזעהן די ערשטע באגעגעניש צווישן דעם רבי'ן ז"ל מיטן פעטער רביה"ק בעל דברי יואל ז"ל צום גדלי' תש"ז?
2. ווען האט דער רבי געזאגט הלל אום פורים?
3. ווען האט דער רבי קובע געווען זיין "יום הצלה"?
4. וואס האט הגה"ח ר' מרדכי שווארץ ז"ל געמיינט ווען ער האט געהערט דעם רבי'ן זאגן תורה אין לאגער?
5. אויף וואס פארא דאקומענט האט דער רבי גע'חתמ'עט ליל פורים תש"ח?
6. וואו האט רביה"ק הדבר"י זי"ע געדאווענט אחרון של פסח תש"ז לפ"ק?
7. פארוואס זענען די נישט-ערליכע געווארן אזוי ברוגז אויפן רבי'ן נאך זיין הספד אויף די רי"ף זייף?
8. ווער האט געזינגען אינעם רבי'נס 'קאר' חנוכה תש"ו אין סיגעט?
9. ווי אזוי האט דער רבי געזאגט די תקיעת שופר דרשה ראש השנה תש"ז לפ"ק?
10. ווען האט דער רבי באפוילן א איד זיך שערן אין די ימי הספירה?
11. וואס האט דער רבי באפוילן אוועקצולייגן "אויף נאך די הונדערט און צוואנציג"?
12. ווי אזוי איז געלונגען פאר די אידן אין רעימסדארף נישט צו דארפן ארבעטן יום הקדוש תש"ה?
13. ווען האט מען געריסן גראז לכבוד די סעודות שב"ק?
14. ווי אזוי האט א 'צאנה וראנה' געראטעוועט דעם רבי'ן אין טרעזיענשטאט?
15. וואס פארא בקשה האט דער רבי געבעטן פון הגה"צ רמ"א פריינד זצ"ל זייענדיג אין סאטמאר?
16. ווער איז אלס געקומען צו פארן קיין טעמעשוואר אויף שמחת תורה?
17. פארוואס האט דער ווינער רב זצ"ל געבעטן פונעם רבי'ן שיריים?
18. וויפיל שטימען האט דער רבי געהאט ווען מ'האט איהם ערוויילט אלס רב אין זענטא?
19. ווער האט געגעבן פארן רבי'ן דאס ערשטע קוויטל נאכן באפרייאונג?
20. ווי אזוי האט אויסגעזעהן דער מצב היהדות נאכן ביטערן חורבן אייראפע?
21. פארוואס האט ר' מענדל יאנקאוויטש ע"ה זיך צעוויינט ביים זינגען "ירצה צום עמך"?
22. וועמענס קושן האט דער רבי גענוצט זייענדיג אין טעמעשוואר?
23. ווי אזוי האט דער רבי מיט זיין חכמה געברענגט שלום צווישן די רבני הוועד אין אונגארן?
24. האט דער רבי געמאכט די נענועים מיט די ס"ת שמח"ת אין טעמעשוואר?
25. ווי אזוי האט רביה"ק בעל דבר"י ז"ל רעאגירט הערנדיג אזדער סטראפקוב'ער רב איז געווען סנדק ביי כ"ק רבינו שליט"א?
26. ווי אזוי האט אויסגעזעהן א "סדר נאכט" אין לאגער?
27. ווער איז געווען דער רבי'נס חברותא צום לערנען אין טרעזיענשטאט?
28. וואס שרייבט דער ניאמצער רב זצ"ל אויפן רבי'ן יענעם זומער תש"ה?
29. וואס האט ר' בערל אמסעל ע"ה געזאגט ווען רביה"ק האט גענומען דעם טעלעפאן צו ווינטשן מזל טוב פארן רבי'ן ז"ל? ?
30. ווי אזוי האט דער רבי 'צוריקגעברענגט' דאס קינד פון 'רבי עטיל'?
31. פארוואס איז רביה"ק בעל דבר"י ז"ל געשטאנען ביים פענסטער נאכדעם וואס הרבנית חנה'לע ע"ה איז אנגעקומען צו איהם אין שטוב?
32. וואס פארא נדר האט דער רבי געמאכט בעת צרה, און ווי אזוי האט ער דאס מקיים געווען?
33. פארוואס האט דער סטראפקוב'ער רב אוועקגעגעבן דאס בענטשן ביי שלש סעודות פארן רבי'ן ז"ל?
34. וואס האט דער רבי געזאגט פאר ר' ליפא שווארץ ז"ל גייענדיג צו די חופה פון הגה"צ אב"ד וויליאמסבורג שליט"א?
35. פארוואס איז דער רבי געזעסן ביי די דרשה אין פעסט?
36. פארוואס זענען די אידן אין דעברעצין געווען אזוי שאקירט הערנדיג דעם רבי'נס ווערטער?
37. וואס האט ר' אברהם ווערצבערגער ז"ל געגראמט אויפן טיש פורים תשמ"ב?
38. ווער זענענגעווען דעם רבי'נס ערשטע תלמידים נאכן קריג?
39. פארוואס האבן טעמעשווארער אידן אזוי ביטערליך געוויינט ביים רבי'נס תקיעת שופר דרשה?
40. וועלכן נוסח האט דער רבי געזאגט אלע יארן ביי 'למנצח' פאר תקי"ש?
41. ווען האט דער רבי געזינגען מיטן עולם מיט טרערן דעם סקולענער ניגון אויף "זכר דבר לעבדיך"?
42. פארוואס שרייבט דער רבי אין א בריוו פון פראג אז ער עסט נאר סארדינען, הערינג און פירות?
43. פארוואס האט דער רבי נישט געהאט קיין מנין ר"ה אין מיאמי?

**אויף די און נאך אויף אומצאליגע אנדערע הונדערטער ענינים נפלאים וועט איר געפונען די ענטפערס אינעם וואונדערליכן היסטארישן ספר "ומשה היה רועה" חלק שלישי**

# ספעציעלער אינטערוויו מיט די מוציאים לאור פון ספר הנפלא "ומשה היה רועה" חלק שלישי

**רעדאקציע: צום ערשטן ווילן מיר אייך ווינטשן א "מזל טוב" צום ערשיינונג פונעם דריטן באנד אין די סעריע "ומשה היה רועה".**

**ומשה היה רועה:** ברוכים תהיו, ביי אייך אויף שמחות.

**רעד: די גאס וואונדערט זיך באמת ווי אזוי איז מעגליך צו די צווייטע יארצייט פונעם רבי'ן ז"ל שוין צו ערשיינען מיטן דריטן באנד פון די תולדות, דאס איז זייער שנעל לויט ווי עס זעהט אויס ביי אנדערע עורכי הספרים וואס נעמט לאנגע יארן ביז ווען מ'דערזעהט זיך מיט א ספר תולדות פון א צדיק?**

**ומה"ר:** ביי אייך הייסט דאס שנעל, און מיר זענען פשוט אין א געיעג מיט די צייט ארויסצוקומען וואס שנעלער מיט נאך א באנד און נאך א באנד...

**רעד: פארוואס יאגט איר זיך טאקע אזוי? אפשר איז צייט ארויסקומען מיט א באנד איינמאל אין עטליכע יאר?**

**ומה"ר:** לאמיר אייך עפעס דערציילן: אונזער ספר "ומשה היה רועה" – אזוי ווי אנדערע ספרי תולדות וואס קומען ארויס פון צדיקים וואס זענען נסתלק געווארן אין די לעצטע יארן - איז בעיקר צוזאמען געשטעלט געווארן פון זכרונות פון אידן וואס געדענקען נאך און האבן נאך מיטגעהאלטן די געשעהענישן פון וואס מ'רעדט אינעם ספר.

לאמיר נעמען א ביישפיל דעם ספר "ומשה היה רועה" חלק שלישי, דאס רעדט פון א תקופה ווען דער רבי איז געווען אין די מלחמה און די תקופה אין סיגעט נאכן חורבן, פון דעמאלטס איז שוין פארלאפן נאנט צו זיבעציג יאר, און אידן וואס זאלן געדענקען און קענען דערציילן איבער יענע תקופה דארפן שוין זיין אין די הויכע שמונים לאויש"ט, און מיר קענען אייך זאגן 'ראיתי בני עליה והן מועטין', עס איז אונז ליידער געבליבן א מקצת מן המקצת פון עלטערע אידן שארית הפליטה, און עלטערע אידן אין די יארן וואס זאלן אונז קענען דערציילן קלארע אויטענטישע זאכן איז ממש א יקר המציאות.

במשך די אנדערטהאלבן יאר זינט מיר האבן זיך ארייגעווארפן אין די עבוה"ק פון צוזאמענשטעלן די תולדות פונעם רבי'ן האבן מיר געזען אז 'יפה שעה אחת קודם', מיט יעדן טאג וואס מיר כאפן אריין צו טרעפן אן עלטערן אידן וואס איז געווען מיטן רבי'ן אין יענע תקופות האבן מיר געכאפט אן אוצר, און מיט יעדן פארבייגייענדן טאג האבן מיר דאס פארפאסט.

**רעד: וואס מיינט איר צו זאגן, גיט אונז א ביישפיל?**

**ומה"ר:** מיר קענען אייך געבן דוגמאות לרוב, מיר האבן געוואלט באשרייבן דעם רבי'נס קינדער יארן אין סיגעט, זענען מיר אריבערגעגאנגען צו הרה"ח ר' לייזער בער דייטש ע"ה וואוסענדיג אז ער איז א יליד סיגעט, זאגט ער אונז אז זיין עלטערער ברודער הרה"ח ר' חיים אייזיק ע"ה וועט אונז קענען בעסער העלפן, ווייל ער האט געלערנט מיטן רבי'ן אין חדר, און ווען עס וועט קומען צו א שפעטערע תקופה ווי ער געדענקט גוט וועט ער אונז קענען העלפן. ביז ווען מיר האבן זיך מסדר געווען צו גיין צו ר' חיים אייזיק'ן האט ער אונז איבערגעלאזט, און אנקומענדיג צום חלק שלישי ווען מ'האט באשריבן די תקופה פון סיגעט נאכן חורבן איז ר' לייזער בער ע"ה אויך נפטר געווארן...

נאך א ביישפיל: מיר האבן געהאט גרייט אויפגעשריבן דעם טעלעפאן נומער פון ר' אברהם משה כהנא ע"ה פון לאנדאן, דעם רבי'נס א נאנטער ידיד פון קערעצקי, ווי נאר מיר האבן איהם געהאלטן ביים טעלעפאנירן האבן מיר געהערט אז ער איז פלוצלונג נפטר געווארן. א מזל מיר האבן געהאט פון אים א טעיפ ווען ער האט אונז דערציילט פארשידענע זאכן מיט עטליכע יאר פריער, האבן מיר געקענט נוצן דעם חומר.

גענוי אזוי איז געווען מיט ר' פייוויל דזשילאוועסקי ז"ל אן אלטער גור'ער חסיד פון לאנדאן וועלכער איז געווען מיטן רבי'ן אין קריג. פאר א יאר ביי די יארצייט ווען הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א ר"מ ישיבת פאפא איז געפארן קיין לאנדאן צו זיין דער 'נואם הכבוד' ביי די ארטיגע יארצייט סעודה האבן מיר איהם געבעטן אז ער זאל רעדן מיט ר' פייוול'ן – זייענדיג אין די טיפע תשעים – הג"ר יעקב האט מיט איהם גערעדט און אונז איבערגעגעבן פארשידענע פרטים, אבער ער האט אונז מייעץ געווען אז עס איז כדאי צו רעדן מיט אים פערזענליך. מיר האבן אנגערופן זיין זון און אפגעשמועסט אן אפוינטמענט ווען אונזערס אן חבר מערכת פון לאנדאן וועט דארט זיצן און מיר וועלן זיין אויפן טעלעפאן, ווען מיר האבן געקלונגען צו די אפגעשמועסטע צייט האט מען אונז געענטפערט "ברוך דיין האמת..." ממש אזוי, מיר האבן זיך געשפירט ווי אין א געיעג מיטן מלאך המות...

א עבודה קשה האבן מיר אריינגעלייגט צו טרעפן מער אינפארמאציע איבער דעם רבי'נס טעטיגקייטן ביי די אסיפות הרבנים וואס זענען אפגעהאלטן געווארן נאך די קריג. הערנדיג אז הרה"ח ר' הערצל שפירא ז"ל פון אנטווערפן איז מיטגעפארן מיטן רבי'ן צו די אסיפות, האבן מיר זיך פרובירט צו פארבינדן מיט איהם, זענען מיר געוואויר געווארן אז ער איז ל"ע ביטער קראנק ומוטל על ערש דוי. א חבר המערכת פון אנטווערפן איז עטליכע מאל אריבער איהם מבקר חולה זיין אין שפיטאל, און געצויגן ווערטער וויפיל עס איז נאר שייך געווען, אבער אויך ער איז נפטר געווארן נאך עטליכע טעג.

גיט א קוק, ממש יעצט איז נפטר געווארן הרה"ח ר' אברהם פריינד ע"ה, זיין שמייכל, זיין ליבליכקייט, זיין סבר פנים יפות מיט וואס ער האט אונז דערציילט פון לאגער און פון זיין שייכות מיטן רבי'ן איז אין לשער, אבער ווי נאר מיר זענען אריין אין דרוק איז ער נישט דא געווען.

מיר קענען אזוי דערציילן כהנה וכהנה, און איר פרעגט נאך פארוואס מיר יאגן זיך אזוי... יעדן פארבייגייענדן טאג איז אן אבידה שאין לה תמורה.

אוי, ווען דער ציבור וואלט געהאט שכל און פארשטאנען וואס פארא אוצר יקר וחביב איז יעדער עלטערער איד וואלט מען דאס ווען בעסער אויסגענוצט.

**רעד: האבן דען די אידן נישט דערציילט זייערע זכרונות פאר די קינדער, איר קענט דאך דאס הערן פון זייערע קינדער?**

**ומה"ר:** יא און ניין, עס ווענדט זיך ווער און וואו, עס זענען דא אידן וואס האבן דערציילט פון זייערע איבערלעבענישן, און די קינדער האבן דאס גענוי אויפגענומען, זיי זענען דייקנים, בעלי מספרים, זענען מיר טאקע נהנה פון זיי. אבער אזויפיל אידן זענען דא וואס האבן נישט גערעדט, אדער האבן די קינדער נישט געפרעגט, און אפילו אויב יא געדענקען זיי נישט אזוי פונקטליך אז מיר זאלן קענען נהנה זיין דערפון.

נעמט א דוגמא, צווישן די אידן וואס זענען געווען מיטן רבי'ן אין לאגער איז געווען א איד וואס האט יערליך ביים סדר איבערגעזאגט פאר זיין משפחה די חידושי תורה וואס דער רבי האט משמיע געווען אין לאגער, מיר האבן גערעדט צו אלע זיינע קינדער, צו זיין אלמנה, קיינער האט נישט געדענקט איבערצוזאגן א גאנץ ווארט אז מיר זאלן דאס קענען מעתיק זיין. דאס איז א מציאות.

באזונדער מיר וואס מיר זענען אזוי מדייק צו הערן יעדע זאך פון א 'כלי ראשון', מיר לייגן אריין ממון ודמים צו קענען ארויסגעבן אן ארגינעלע ווערק, פארקויפן נאר דעם אמת באזירט אויף פאקטן און מציאות, איז אונז גאר וויכטיג צו קענען דאס הערן פון די עלטערע אידן אליין, און אינאיינוועגנס הערן פארשידענע דעטאלן ארום און ארום.

**רעד: פון וואס באשטייט דער עיקר פון דעם ספר?**

**ומה"ר:** פון אויטענטישע זכרונות! בלעטערט אדורך דעם ספר, כאפט א בליק אויף די הונדערטער 'פאד-נאוטס' און איבערצייגט אייך ווי מיר שרייבן אויף יעדע זאך א מקור פון וועמען מיר האבן דאס געהערט, און צווישן דעם זענען דא אידן מקצה העולם ועד סופו.

**רעד: ווי אזוי זענט איר טאקע אנגעקומען צו די אלע אידן?**

**ומה"ר:** דאס איז די עיקר שווערע עבודה וואס מיר לייגן אריין אין א ספר, אנצוקומען פערזענליך וואו עס איז נאר שייך. ווען מיר הערן נאר א נאמען פון א איד, אדער באגעגענען מיר א נאמען אויף א דאקומענט, זוכן מיר אים אויף, אים אדער זיינע קינדער, און מיר שמועסן מיט אים אויפן טעלעפאן אדער גייען מיר אראפ פערזענליך.

**רעד: וואס איר פארט קיין אויסלאנד שמועסן מיט אידן?**

**ומה"ר:** גראדע האבן מיר דאס שוין אויך געטון מער ווי איינמאל, אבער בעיקר האבן מיר טעטיגע יונגעלייט וואס פארשטייען צו די פאך איבעראל, אין וויליאמסבורג, אין קרית יואל, אין ארץ ישראל, אין אייראפע, און מיר זענען נאכאנאנד אין קאנטאקט ווען מ'הערט אז עס איז דא וואס צו הערן פרישע זאכן, גייט מען אראפ צו די אידן און מ'הערט, און מ'פארדינט דערפון א געוואלד.

נעמט א ביישפיל, אין דעם נייעם ספר "ומשה היה רועה חלק שלישי" איז דא צוויי שכינות'דיגע קאפיטלעך פרק ל"א "די ימים טובים אין טעמעשוואר", פרק ל"ג "אב"ד סיגוט", דער חילוק צווישן די צוויי קאפיטלעך איז עד אין לשער, בו בזמן וואס אינעם טעמעשווארער קאפיטל האבן מיר געהאט צענדליגער אידן וואס האבן געהאט צו דערציילן, מיר קענען זאגן אז 'יעדער איז דארט געווען'.... צענדליגער אידן האבן געשילדערט די תפילות, די דרשות, די הקפות וכו', איז דאס קאפיטל פון 'סיגוט' געווען ארים, מיר האבן געהאט געציילטע עמודים מיט א קורצן שילדערונג, און מיר האבן קוים געטראפן ווער עס זאל קענען דערציילן פון דעם רבי'נס תקופה אין סיגוט.

מאת ה' היתה זאת, מיר האבן געטראפן עטליכע צייטונגען פון סיגוט בימים ההם, מיר האבן אנדעקט נעמען פון פרעמדע אידן פון אנדערע קרייזן וואס זענען דארט געווען, מיר האבן זיי אויפגזוכט און געטראפן, און דאן האבן מיר ערפינדן א פרישן אוצר, א אוצר רב הערך, מיר קענען אייך זאגן בפה מלא אז דאס קאפיטל פון סיגוט'ער רבנות איז 80-90 פראצענט פרישע זאכן וואס קיינער מאנ"ש האט נישט געוואוסט ביז היינט.

דאס האט דעם רבי'ן אראפגעשטעלט אין א ניי בילד וואס קיינער האט איהם נישט געקענט.

**רעד: וואס מיינט איר צו זאגן מיט די ווערטער?**

**ומה"ר:** וואס מיר מיינען צו זאגן איז אזוי, מיר שפירן אין די ארבעט א געפיל פון אן עבודת הקודש, מיר האבן געהאט א רבי'ן א צדיק נסתר... ווי הגה"צ חו"פ רבי שמואל בנימין קרויס שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט אויף דעם ספר "מ'האט איהם אביסל מגלה געווען..." דער רבי אליין האט זיך אלע יארן געפירט בפשטות, ער האט קיינמאל נישט גערעדט פון זיך, און ער האט קיינמאל נישט דערציילט סתם ענינים אויסער אויב ער האט געזעהן דערין א תועלת פון ארויסברענגען חסדי ה' ונפלאותיו.

גיט א קוק, פון די מלחמה יארן האט דער רבי כסדר דערציילט פאר די קינדער שליט"א און פאר די מקורבים די אלע נסים ונפלאות וואס האט מיט איהם פאסירט, יעדער האט געוואוסט צו דערציילן און נאכזאגן וואס ער האט געהערט פונעם רבי'ן, אבער פון זיין ערשטע שטוב און קינדער וואס ער האט דארט פארלוירן האט מען קיינמאל נישט געהערט קיין ווארט. פון זיינע ביטערע צרות ותלאות האט מען נישט געהערט גארנישט. הערשט ווען מיר האבן גערעדט צו צענדליגער אידן וואס זענען געווען מיט אים אין די קריג, האבן מיר צוזאמען געשטעלט דאס שרעקליכע בילד ווי עס איז געשילדערט אין ספר.

אונזער ציבור האט נישט געוואוסט אז דער רבי איז שוין אינדערהיים אין זענטא געווען א רב אב"ד, א ראש ישיבה, אויף אזא מעכטיגן פארנעם, א רב וואס האט געפירט א שטאט ווי א

ריכטיגער רב. בפרט נאך די קריג אין סיגוט, ווי אזוי ער האט מחזיר געווען העטרה ליושנה, ווי אזוי ער איז געווען דער נשיא הוועד אויף גאנץ מארמאראש, ווי אזוי ער האט ממנה געווען רבנים, שוחטים, געבויעט מקוואות, געווען אחראי אויף אלע עניני הדת, ווען נישט די געציילטע עדות'שאפט און די ארגינעלע דאקומענטן וואס מיר האבן געשאפן וואלט דאס געבליבן א סוד אויף שטענדיג.

דער רבי האט זיך קומענדיג קיין אמעריקע באהאלטן, ער האט זיך איינגעהילט אין א שלייער פון פשטות, און זיך אונטערגעווארפן בביטול גמור אונטער די פליגל פון זיין הייליגן פעטער רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע. כאטש זיינע חסידים האבן ערווארטעט פון איהם אז ער זאל זיך אליינס בויען, ער האט געהאט א שיינעם ציבור מיט א ביהמ"ד פריער פונעם פעטער, און ער האט געהאט אלע אויסזיכטן פאר א הצלחה, ער האט דאס אבער נישט געוואלט, און במשך אלע יארן 'לא נטל עטרה לעצמו', עד יומו האחרון, אפילו ווען ער איז געווען דער 'רבן של ישראל' און ממלא מקומו פון זיין גרויסן פעטער רביה"ק זיע"א, האט ער זיך אהערגעשטעלט ווי א 'שומר הפקדון' און זיך אליינס געמאכט כאין וכאפס.

טוענדיג אין די עבודת הקודש, קלויבנדיג טויזענטער שטיקלעך אינפארמאציע מפי זקני החסידים, און פרובירנדיג צונויפצושטעלן דאס בילד, ווערן מיר געוואויר אז מיר האבן בכלל נישט געהאט קיין השגה וואס פארא צדיק אמת פון פריערדיגן דור עס האט געלעבט צווישן אונז, און ווי דיק איז געווען דער שלייער פון פשטות און התבטלות מיט וואס ער האט זיך ארומגענומען.

דאס איז דער הייליגער געפיל וואס באגלייט אונז אין די עבודת הקודש.

**רעד: וואס איז די סיבה אז דער ספר האט אזויפיל 'פאד-נאד'ס, אזעלכע גרויסע 'דרשות' מתחת לקו?**

**ומה"ר:** די סיבה איז זייער א פשוט'ע און א אמת'ע, עס זענען דא הונדערטער שטיקלעך אינפארמאציע אדער פרטים, וואס שטערט דעם ליינער צו ליינען דעם ספר דף נאך דף פרק נאך פרק, פון די אנדערע זייט זענען דא אזויפיל וויכטיגע און היסטארישע ידיעות וואס מוזן פארצייכענט ווערן און פארבלייבן למזכרת נצח, און מיר שפירן אלס אונזער אחריות דאס אלעס וואס מיר הערן צו ברענגען לידיעת הציבור, דעריבער איז די עצה צו שטעלן יעדע זאך מתחת לקו אזוי אז עס שטערט נישט דעם ליינער צו ליינען דעם המשך הסיפור, און גלייכצייטיג ליגט דארט אן אוצר בלום מיט ידיעות און היסטאריע, ווי אזויך פארשידענע ענינים בהלכה ומנהגים וואס מיר טוען דארט אויסברייטערן.

עס האט אונז געזאגט א איד א גרויסער היסטאריקער אז ער קויפט דעם ספר 'קודם ליין איך דורך אלעס וואס שטייט אונטן'...

**רעד: וואס האט איר פריער געזאגט איבער 'דאקומענטן'?**

**ומה"ר:** 'דאקומענטן' איז ביי אונז גאר א שטארקער יסוד אינעם ספר, וואס מיר לאזן זיך קאסטן דערפאר ממון ודמים, צוליב צוויי סיבות.

איינס, ווייל א ארגינעלער דאקומענט איז ווי א לעבעדיגער עדות, ער רעדט פאר זיך, עס שטעלט אראפ א מציאות, און דערציילט דברים כהוויתן. וואס צוליב דעם גייען מיר נאך יעדן דאקומענט וואס איז שייך, אפילו אזעלכע וואס מחמת סיבות שונות קענען מיר דאס נישט אריינלייגן אין ספר, איז דאס אבער וויכטיג פאר אונז ארויסצוהאבן דעם קלארן בילד פון די זאך.

והשנית, היות מיר האבן א פרינציפ נישט אריינצולייגן קיין בילדער, זענען די דאקומענטן די איינציגסטע זאך וואס טוט 'אויפלעבן' דעם ספר, עפעס וואס מאכט דעם ליינער קוקן און זיך איבערצייגן אין דאס ארגינעלקייט פון דאס געשריבענע.

**רעד: פארוואס טאקע לייגט איר נישט קיין בילדער? יעדער לייגט שוין היינט בילדער.**

**ומה"ר:** 'יעדער' איז נישט קיין תירוץ, מיר שפירן אז אויב ווילן מיר ארגינעל באשרייבן דעם רבי'ן ז"ל, און מיר געדענקען זייער גוט ווי אזוי דער רבי פלעגט זיך אזוי מצער זיין ווען מ'האט גענומען פון איהם בילדער, נישט איינמאל האט ער זיך אויפגעהויבן און ארויסגעגאנגען אינמיטן א מסיבה ווען מ'האט גענומען פון אים א בילד, קענען מיר נישט זיין אזוי 'פאלש' און דרוקן בילדער נגד רצון קדשו.

דאס איז אויסערדעם וואס מיר האבן דאס אלס אן הוראה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**רעד: וואס פארא אנדערע הוראות האט כ"ק מרן רבינו שליט"א געגעבן פארן ספר?**

**ומה"ר:** וואס נישט? יעדע שאלה און יעדע ספק וואס מיר האבן אינעם ספר, סיי אינעם תוכן הספר, סיי זייטיגע שאלות ברענגען מיר אריין אל הקודש פנימה, און דער רבי איז מורה באצבע גענוי וואס צו טוהן. און מיר רירן זיך נישט אוועק פון זיין הוראה מיט גארנישט. און דאס וואס דער ספר איז אזוי ארגינעל, אזוי בא'טעמט', איז צו פארדאנקען פאר דעם מציאות.

**רעד: וואס מיינט איר צו זאגן דערמיט?**

**ומה"ר:** ווי פריער געזאגט זענען מיר זיך משתדל נאכצוגיין יעדע זאך פונעם ערשטן מקור, און אפילו ווען מיר הערן פארשידענע אינטערעסאנטע זאכן, אויב האבן מיר סיי וועלכע פראבלעם מיטן אמת'דיגקייט פון די זאך, אפילו ווען די מעשה איז גאר געשמאק, זענען מיר מוותר דערויף, ווילענדיג אז דער ספר זאל זיין אמת לאמיתה הונדערט פראצענט.

אבער דער רבי שליט"א איז אין אלגעמיין נישט צופרידן נאר אויב דער ספר איז דברים כהוויתן אין פולן זין פוןווארט. דער רבי איז נישט סובל קיין גוזמאות און הפרזות, און דאס זאגט ער אונז אן כסדר נאר שרייבן ארגינעל. אזויפיל מאל רעאגירט דער רבי "פון וועמען האט מען דאס געהערט, איך האב דאס נישט געהערט פונעם טאטן"... און נאר ווען מיר געבן אן א קלארן מקור איז דער רבי צופרידן דערפון.

במשך די צייט פון די עבוה"ק האבן מיר געגעבן דעם ספר עטליכע מאל פאר כ"ק רבינו שליט"א לשום עיניו עלי', טראץ זיינע אומגעהויערע טירדות בעבוה"ק האט דאס דער רבי מיטגענומען זייענדיג אויף אפרוה, צי אונטערוועגנס קיין ארה"ק אדער קיין לאנדאן האט זיך דער רבי געמאכט צייט איבערצוגיין דעם ספר תחת שבט הביקורת. צום ביישפיל, ביי איינע פון די געלעגנהייטן האט דער רבי געזאגט איבער דאס קאפיטל פון די מלחמה יארן "ס'איז געשריבן צו ברייט..." מיר זענען דאן איבערגעגאנגען די קאפיטלעך יעדעס מאל וואס עס איז געשטאנען איבריגע הרגשים, אדער אויסדרוקן ווי "הונדערטער אידן" וכדומה, זאכן וואס מיר האבן נישט געהאט באשטעטיגט קראנט האבן מיר ארויסגעשניטן.

עס איז אמת אז דער ספר האט דאן פארלוירן אסאך "שמאלץ" עס האט אבער פון די אנדערע זייט צובאקומען אסאך "אמת".

דער מציאות איז אז דער ספר האט שטארק נושא חן געווען ביי רבינו שליט"א, עס ליגט ביי אים אסאך אויפן טיש, און במשך די פארגאנגענע טעג זייט דער ספר איז ארויסגעקומען האט ער אסאך מעיין געווען דערין, און ער זאגט אונז כסדר שטארקע דברי חיזוק, דאס איז פאר אונז די שטארקסטע ראי' אז עס איז ב"ה אן ארגינעלער ווערק.

אזוי אויך ווען אימער עס קומט אויס אז אידן דערציילן פארן רבי'ן שליט"א פרישע אינטערעסאנטע ענינים פונעם רבי'ן זצ"ל, האט דער רבי געבעטן אז מ'זאל דאס אונז איבערגעבן צו קענען אריינדרוקן אינעם ספר.

אגב, בעינינו ראינו מער ווי איינמאל, בשעת ווען דער רבי קוקט אינעם ספר איז זלגו עיניו דמעות, עס ערוועקט שטארקע הרגשים.

**רעד: דער ציבור זאגט אויך אזוי, עלטערע אידן מאנשי שלומינו זאגן אז דער ספר שפיגלט אפ ארגינעל דעם רבי'ן אזוי ער איז געווען.**

**ומה"ר:** והיה זה שכרינו... ווער עס געדענקט ווי ארגינעל דער רבי איז געווען, ער האט אזוי נישט סובל געווען קיין שקרים, קיינע הגזמות, ער פלעגט דאס אזוי אוועקמאכן, ווי קען מען באשרייבן דעם רבי'ן ווען מ'קריכט אוועק פון זיין אייביגער רצון?!

**רעד: פארוואס איז דער ספר געשריבן אויף אידיש? וואלט נישט שענער געווען ווען עס קומט ארויס אזא ספר אויף לשון הקודש?**

**ומה"ר:** יא, עס וואלט הונדערט פראצענט געווען שענער, עס זענען דא עלטערע בעלי בתים וואס האבן אפילו געהאט טענות אויף אונז פארוואס מיר געבן ארויס 'א מעשה ביכל', אבער עס וואלט דאן נישט געדינט אונזער ציהל, מיר ווילן מגלה זיין דמות דיוקנו פון אונזער רבי'ן ז"ל, און א ספר וואס איז נישט אויף אידיש איז דער מציאות אז עס ווערט נישט געליינט דורך א גרויסן טייל פונעם ציבור. נישט נאר נשים וטף נאר אפילו יונגעלייט און טייל בעלי בתים.

**רעד: עס איז ריכטיג.**

**ומה"ר:** ווען מיר האבן איבערגעגעבן דעם ספר פאר כ"ק הגאב"ד ירושלים שליט"א, האט ער אויפגענומען דעם ספר מיט גרויס חביבות און ווען מיר האבן איהם געזאגט אז "חוץ מזה וואס דאס איז אויף אידיש איז דאס א ספר לכל דבר". האט ער אונז דערציילט אז זייענדיג א בחור האט ער געלערנט אין גיעטסהעד ביי הגה"צ רבי נפתלי הכהן שאקאוויצקי זצ"ל, וועלכער איז געווען א תלמיד פון חפץ חיים זצ"ל און א אדם גדול מאד, ווען בחורים פון די ישיבה האבן אמאל געוואלט ארויסגעבן א ספר פון א ליטווישן גדול האבן זיי מסופק געווען צי זיי זאלן אריינדרוקן א בילד פונעם מחבר אויפן פאדערשטן בלעטל ווי עס איז איינגעפירט אין טייל ליטווישע מקומות, איז ער אריינגעגאנגען פרעגן זיין רבי'ן חוות דעתו. האט דער רבי געענטפערט אזוי "וואס איז דער חילוק צווישן א ספר און א בוך? א ספר אז עס פאלט אראפ אויף דער ערד הייבט מען דאס אויף און מ'גיט דאס א קוש, א בוך הייבט מען אויף אבער מ'קושט דאס נישט, נו, וואס וועט זיין אז דער ספר וועט אראפפאלן וועט מען קושן דאס בילד?!... ניין, אז מ'לייגט א בילד ווערט דאס אויס ספר!..."

האט דער ירושלים'ער רב אויסגעפירט "אז איר האט נישט געדרוקט קיין בילדער איז דאס א ספר נישט קיין בוך!"

די ווערטער איז אונז געווען א שטארקער חיזוק.

**רעד: פון וועמען נאך פון די גדולי ישראל האט איר געהערט דברי חיזוק?**

**ומה"ר:** זייער אסאך, אלע רבנים גאונים וצדיקים וואס זענען געווען נאנט צום רבי'ן ז"ל, און האבן געזעהן דעם ספר האבן אונז מחזק געווען מיט די עבודה"ק, אפגערעדט פון די קינדער און אײדימער פון רבי'ן, און אזוי אויך די חשוב'ע אייניקלעך הרבנים הגאונים שליט"א, וואס העלפן אונז ארויס אויף טריט און שריט בלב ובנפש אויף א געוואלדיגן פארנעם.

אבער א חיזוק ווארט וואס איז אונז אריין אין די ביינער קענען מיר נאכזאגן וואס ער האט געזאגט הגה"צ רבי מאיר בראנדסדארפער שליט"א חבר הביד"צ נעמנדיג דעם ספר אין די האנט אריין "זייער גוט אז עס איז אויף אידיש, מיין רבי, כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל, האט געהייסן זיין ספר דברי אמונה אויך מאכן אויף אידיש, ווייל דברי אמונה ובטחון דארף זיין אויף אידיש פאר אנשים נשים וטף"...

**רעד: זאגט אונז נאך איין זאך, וויפיל בענדער פלאנט איר נאך צו דרוקן אין די סעריע?**

**ומה"ר:** זהו שאלה שאין עלי' תשובה, ווען מיר האבן אנגעהויבן די ארבעט האבן מיר געקלערט אז 3-2 בענדער איז די והותר, למעשה זעהט איר דאך וואס האט דא פאסירט... מיר שטייען נאך ווייניגער ווי האלב, מילא קענען מיר דאס נישט פאראויס זעהן וואס וועט ווייטער זיין. אזויפיל איז קלאר אז מיר זוכן נישט צו שרייבן וואס מער, און מאכן ווי מער בענדער, מיר וועלן בע"ה שרייבן וואס מ'מוז און וואס מ'קען נישט ארויסלאזן מתולדותיו של אותו צדיק.

**רעד: אונזער שמועס האט זיך זייער לאנג פארצויגן, צום ענדע וואס האט איר צו זאגן פארן ברייטן ציבור אנשי שלומינו?**

**ומה"ר:** מיר האבן א בקשה צום ברייטן ציבור אז יעדער זאל זיך אנשליסן אין די עבודת הקודש, יעדער זאל זיך זעלבסט באטראכטן אלס חבר המערכת, ווען אימער איבערן יאר מ'דערוואוסט זיך פון א איד וואס האט צו דערציילן א ארגינעלע זאך, מ'ווייסט פון א דאקומענט, מ'טראכט אז עפעס קען זיין פאר אונז אינטערעסאנט, זאל מען דאס נישט איגנארירן, מיר לייגן אין יעדן ספר אן אדרעס מיט א טעלעפאן נומער, און מיר בעטן אז מ'זאל דאס נוצן און אונז איבערגעבן, וכל המרבה הרי זה משובח.

**רעד: יישר כח, א גוטן טאג, ברכה והצלחה אין אייער עבודת הקודש.**

**ומה"ר:** אמן, א יישר כח

ב"ה

אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר הע"י!

# דער ספר "ומשה היה רועה" איז די פאסיגע הכנה צו די הילולא רבתי יום חמישי פר' קדושים, כ"ו ניסן, הבעל"ט

לרגל די הילולא פראקלאמירן מיר א

# סעיל

## ווי מ'קען קויפן אלע דריי בענדער פון די סעריע "ומשה היה רועה" פאר בלויז $50

*

דער סעיל וועט אנהאלטן ביז שב"ק קדושים הבעל"ט

**דער גאנצער סעט איז דא צו באקומען:**

ביי די מקוה אידן דקהלתינו הק', און ביי די לאקאלע ספרים געשעפטן אין וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל, מאנסי

**דאנערשטאג ביומא דהילולא רבה א גאנצן טאג בייס ציון הק', און ביינאכט ביי די סעודת הילולא אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל**

איר וועט זיכער נישט חרטה האבן מיטן באררייכערן אייער ספרים שאנק מיטן הערליכן ספר

**"ומשה היה רועה"**

פאר אייך, פאר אייער שטוב און קינדער! למען ידעו דור אחרון צדיק מה פעל